בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת שְׁלַח

תש"פ

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

## צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41st Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

### חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ תְּפִלָּה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּערְ'ן יֵצֶר הָרָע?.....א

הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר מִיר, אִיז דָא נָאךְ עֶפֶּעס עֵצוֹת?.................................................ב

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ גֶעבְּן קַאמַפְּלִימֶענְטְס, וֶוען אִיךְ דַארְף נָאר צוּקוּמֶען צוּ דֶעם?.........................................ה

זָאלְן מִיר זִיךְ צוּרִיק צִיעֶן קַיין אַמֶערִיקֶע?.....................ו

אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר רֶעדְן פוּן זַאכְן וָואס מַיין בָּחוּר דַארְף זִיךְ פַארְרֶעכְטְן?.................................................ז

מֶעג מֶען דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים?................................................ט

דַארְף אִיךְ מוֹרָא הָאבְּן צוּ גֵיין הֲפָּצָה וַוייל עֶס קֶען מַאכְן מַחְלֹקֶת?................................................יא

דַארְף אַ גְרוּשָׁה זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר?...............................יד

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן לָאזְן מִיר נִישְׁט הָאבְּן אַ כָּשֵׁר'עֶ סְמַארְטְפָאוֹן?............................................טו


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים פְּרִישְׁט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ .........................א

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת .......................ב

קוּק נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעם, פְּרוּבִיר נָאר צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן . ב

דִי שֵׂכֶל אוּן שְׁטַארְקֵייט וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט פַאר אַ יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ...............................................ג

מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אַלֶע שְׁאֵלוֹת אִין צְנִיעוּת..................ד
בַּאנֵיי זִיךְ נָאכְאַמָאל פוּנְדָאסְנֵיי.......................................ה
קְלַאפּ דִיר אַרוֹיס פוּן קָאפּ דָאס וָוארְט ׳גֶט׳........................ה
יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי פְרִישֶׁע בְּעֶנְדֶער ״אֲשֶׁר בַּנַחַל״...................ח
דַיין מְלַמְדוּת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע טוֹבָה פַאר דַיין מַאמֶע׳ס נְשָׁמָה..ח
זַייטְס מַמְשִׁיךְ מִיטְ׳ן זִיךְ לֶערְנֶען גְרֶעפִּיקְס ..........................ט
נֶעם נִישְׁט קַיין צַד אִין זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר ............י
נָאר מִיט תְּפִלָּה קוּמְט מֶען אָן צוּם רֶבִּי׳ן ...........................יב
אַ גְרִיס פוּן אַייעֶר הֲפָצָה ..............................................יג
אִין זְכוּת פוּן בּוֹיעֶן דֶעם עֵירוּב, וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ שִׁידוּךְ..................................................................................יד
מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים פוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל ...........................יד
אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט טַעֲנָה׳ן מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן .........טו
שְׁטַארְק דִיךְ אֲפִילוּ אִין אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן טוּנְקֶלְקֵייטְן ... טז
אַ פְּרוֹוּ אִיז בְּכֹחַ אוֹיפְצוּהֵייבְּן אִיר מַאן אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּ דִי שֶׁענְסְטֶע זַאכְן ..............................................................יח
זַייט וַוייטֶער מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער ...............................יט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ תְּפִלָּה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער׳ן יֵצֶר הָרָע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַן אֵיין און צְוָואנְצִיג יֶערִיגֶער גְּרוּשׁ, אִיךְ וִויל בֶּעטְן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר שְׁרַייבְּן אַ תְּפִלָּה אִין אִידִישׁ אָדֶער אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת און שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת. אִיךְ בִּין לֵיידֶער אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדְן צוּם בִּיטֶערְן בְּלוּטִיגְן סְמַארְטְפָאוֹן, קָאמְפְּיוּטֶער וְכַדוֹמֶה; אִיךְ הָאב דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע פִילְטֶער אָבֶּער דָאךְ טְרֶעף אִיךְ וֶועגְן צוּ דָאס עֶרְגְסְטֶע. אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, וָואס וִויל דֶער יֵצֶר הָרָע פוּן מִיר? אִיךְ וִויל בֶּאֱמֶת אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּן מַיין פָאוֹן אָבֶּער אִיךְ הָאב נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת דֶערְצוּ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ח סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן נִישְׁט צוּ קוּקְן עֲבֵירוֹת; נִישְׁט צוּ קוּקְן מָאוִוי״ס און בִּילְדֶער פוּן עֲבֵירוֹת.**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין קוּקְן עֲבֵירוֹת; אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרָע וָואס בְּרֶענְט און פְלַאקֶערְט אִין מִיר. אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין קוּקְן עֶקְלְדִיגֶע בִּילְדֶער און**

עֶקֶלְדִיגֶע קְלִיפְּס, עֶס צִיט מִיר צוּ קוּקְן דִי שְׁמוּץ אַזוֹי וִוי אַ מַאגְנֶעט וָואס צִיט אָן אַן אוֹיפְהֶער, אוּן נָאכְדֶעם פַּאל אִיךְ אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, רַחֲמָנָא לְשֵׁיזְבָן.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין אֵיינְמָאל פַּאר אַלֶעמָאל אָפְּלָאזְן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אִיךְ זָאל שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק גֵיין קוּקְן דִי עֲבֵירוֹת; נָאר דוּ - רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם - קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, אִיךְ אַלֵיין קֶען נִישְׁט; וִויפִּיל אִיךְ פְּרוּבִּיר פַּאל אִיךְ אוֹיף צוּרִיק. יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ מַאךְ אָפּ אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט זֶע אִיךְ מִיךְ נָאכְדֶעם צוּרִיק אִין מַיינֶע אַלְטֶע שְׁמוּץ. מַמָּשׁ כְּכֶלֶב שָׁב אֶל קִיאוֹ, וִוי אַ הוּנְט וָואס גֵייט צוּרִיק צוּ זַיין בְּרֶעכַאכְץ - אַזוֹי אִיז מִיט מִיר, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין זִינְדִיגְן, אִיךְ גֵיי אַלְץ צוּרִיק צוּ דִי עֶקֶלְדִיגֶע זַאכְן אוּן אִיךְ פַּאל אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית.

אָנָּא ה׳, אִיךְ בֶּעט דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הַט לִבֵּנוּ לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ; אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר טוּן דַיין ווִילְן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נָאר קוּקְן אוֹיף גוּטֶע זַאכְן, אִיךְ זָאל נָאר קוּקְן צִי דִיר, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַּאר מִיר, אִיז דָא נָאךְ עֶפֶּעס עֵצוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ גֶעוֶועזֶענֶער חַסִידִישֶׁער בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ אַ נַייעֶ בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן, אָבֶּער אִינֶעם גַאנְצְן שִׁיעוּר הָאבּ אִיךְ בְּעִיקָר גֶעהֶערְט נָאר דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן דָאס גְלַייכְן, אִיךְ ווִיל אָבֶּער ווִיסְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט נָאךְ עֵצוֹת ווִי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבְּן פוּן פְּרִישׁ, אִיךְ גְלוֹיבּ אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ עֵצוֹת אוּן גֶעדַאנְקֶען פַּאר דִי אַלֶע אַזוֹי ווִי מִיר, וָואס הִתְבּוֹדְדוּת אוּן דִי אַנְדֶערֶע עֵצוֹת זֶענֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט פַּאר אוּנְז.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס מֵיינְסְטוּ צוּ זָאגְן: 'הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט פַאר דִיר'? וָואס מֵיינְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אוּנְז? עֶס אִיז דָאךְ אַ מִצְוַת עֲשֵׂה צוּ דַאוֶנֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס אַ נַייעֶ זַאךְ וָואס בְּרֶסְלֶב הָאט עֶרְפִינְדְן; קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּפִלָּה, הֲלָכָה א-ב): "עִיקַּר הַתְּפִלָּה הוּא מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה", דַאוֶנֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן דִי תּוֹרָה, "שֶׁיִּתְפַּלֵּל הָאָדָם וִיבַקֵּשׁ מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ כָּל מַה שֶּׁהוּא צָרִיךְ", אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהוּא יָכוֹל לְדַבֵּר אֶל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּכָל שָׂפָה שֶׁרַק יָכוֹל", מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף סֵיי וָואס פַאר אַ שְׁפְּרַאךְ מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, "כִּי מִצְוַת עֲשֵׂה לְהִתְפַּלֵּל בְּכָל יוֹם", אוּן עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ דַאוֶנֶען יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג. "וְאֵין לַתְּפִלָּה זְמַן קָבוּעַ מִן הַתּוֹרָה", תְּפִלָּה הָאט נִישְׁט קַיין בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט אִין טָאג, "וּלְפִיכָךְ נָשִׁים וַעֲבָדִים חַיָּבִין בִּתְפִלָּה, לְפִי שֶׁהִיא מִצְוַת עֲשֵׂה שֶׁלֹּא הַזְּמַן גְּרָמָא", דַאוֶנֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַ מִצְוָה וָואס אִיז נִישְׁט בַּאגְרֶענִיצְט אִין אַ צַייט, דֶערְפַאר זֶענֶען פְרוֹיעֶן אוּן קְנֶעכְט אוֹיךְ מְחוּיָּב מִיט תְּפִלָּה.

אַ אִיד שְׁרַייבְּט נִישְׁט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער: "הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אוּנְז"; הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה דָאס אִיז וָואס אַ אִיד דַארְף טוּן, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן דַאוֶנֶען. דִי נוּסַח הַתְּפִלָּה לוֹיט וָואס מִיר דַאוֶנֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב - הָאבְּן דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה מְתַקֵּן גֶעוֶוען וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם בִּיטֶערְן לַאנְגְן גָלוּת, וְוִי דִי אִידְן וֶועלְן זִיךְ אוֹיסְמִישְׁן צְוִוישְׁן דִי פֶעלְקֶער, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי מְתַקֵּן גֶעוֶוען דֶעם נוּסַח הַתְּפִלָּה, אָבֶּער דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף טוּן.

אֶפְשָׁר מֵיינְסְטוּ אַז הִתְבּוֹדְדוּת אִיז עֶפֶּעס אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ? אֶפְשָׁר וֵוייסְטוּ נִישְׁט וָואס אִיז דָאס הִתְבּוֹדְדוּת - אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אוּנְז; אֶפְשָׁר הָאסְטוּ דָאס נָאכְנִישְׁט פְּרוּבִּירְט צוּ טוּן, ווייל

אֵיינְמָאל מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס דִי עֵצָה פוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְף מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט אוּן מֶען וִויל שׁוֹין גָארְנִישְׁט, מֶען וֶוערְט שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם זִיסְן טַעַם וָואס מֶען וֶועט שְׁפִּירְן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען.

וָואס וֶועסְטוּ טוּן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען? מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען אַלֶעמֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן ב): "עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה", מָשִׁיחַ'ס גֶעוֶוער וֶועט זַיין תְּפִלָּה, "וְכָל מִלְחַמְתּוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְכָל הַכִּבְישׁוֹת שֶׁיִּכְבֹּשׁ - הַכֹּל מִשָּׁם", אַלֶע מִלְחָמוֹת אוּן אַלֶעס וָואס עֶר וֶועט אַיינְנֶעמֶען וֶועט זַיין נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה; מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אַריין בְּרֶענְגֶען אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים. מֶען וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר דַארְף, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, ט): "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'"; אוּן יֶעדֶער וֶועט זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נב, ח): "כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן"; קֶענְסְטוּ דָאךְ שׁוֹין יֶעצְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ שׁוֹין שְׁפִּירְן וִוי מָשִׁיחַ אִיז דָא.

עֶס זֶענֶען פַארְהַאן אַסַאךְ עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דִי אַלְטֶע זַאכְן אוּן אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, אָבֶּער צוּ אַלֶע עֵצוֹת דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ צוּקוּמֶען צוּ תְּפִלָּה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן אַן עֵצָה צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען, הָאט יֶענֶער גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קִיא): "עַל יְדֵי תְּפִלָּה יְכוֹלִין לָבוֹא לַכֹּל", דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס; "לְכָל טוֹב", צוּ אַלֶעס גוּטְס, "לְתוֹרָה", צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, "וַעֲבוֹדָה", צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּלְכָל הַקְּדֻשּׁוֹת", צוּ אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן, "וּלְכָל הָעֲבוֹדוֹת", צוּ אַלֶע עֲבוֹדוֹת וָואס אִיז נָאר פַארְהַאנֶען, "וּלְכָל הַטּוֹבוֹת שֶׁבְּכָל הָעוֹלָמוֹת", אוּן צוּ אַלֶעס גוּטְס פוּן אַלֶע וֶועלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי קֶען איך גֶעבְּן קָאמְפְּלִימֶענְטְס, וֶוען אִיךְ דַארְף נָאר צוּקוּמֶען צוּ דֶעם?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֶערְן אִין בֵּית פֵּיגָא סְקוּל אוּן מַיינֶע טִיטְשֶׁערְס רֶעדְן כְּסֵדֶר פוּן גֶעבְּן קָאמְפְּלִימֶענְטְס, אִיךְ וויל זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבְּן קָאמְפְּלִימֶענְטְס אָבֶער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט טוּן ווייל אִיךְ אַלֵיין דַארְף נָאךְ אָנְקוּמֶען פַאר אַ גוּט וָוארְט צוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ח סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרַט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען מֶען גֶעבְּט פַאר אַנְדֶערֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער - דָאס אַלֵיין בּוֹיט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל בַּאקוּמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, א): ״אֵיזֶהוּ מְכֻבָּד״, וֶוער אִיז אַן אָנְגֶעזֶעעֶנֶער מֶענְטְשׁ? ״הַמְכַבֵּד אֶת הַבְּרִיּוֹת״, דֶער וָואס גֶעבְּט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.

דוּ קֶענְסְט פְּרוּבִּירְן אָנְצוּהֵייבְּן בַּיי יוּנְגֶע קִינְדֶער; וֶוען דוּ זֶעסְט מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען אִין דַיין יָארְגַאנְג, אָדֶער יוּנְגֶער פוּן דִיר - זָאלְסְטוּ זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער. אַ גוּט וָוארְט אוֹיף זֵיי אָדֶער אוֹיף זֵייעֶרֶע אָנְטוּאַכְץ, וִוי לְמָשָׁל אוֹיף זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, שִׁיךְ וְכַדוֹמֶה; דָאס וֶועט דִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן אַז דוּ זָאלְסְט וֶוערְן שְׁטַארְק מִיט דִיר.

וָואס דוּ דַארְפְסְט בֶּעט ״נָאר״ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וִוי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר זִיכֶער מִיט זִיךְ.

...

## זָאלְן מִיר זִיךְ צוּרִיק צִיעֶן קַיין אַמֶערִיקֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זַייט מַיין חֲתוּנָה, אִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ קוּמֶען בֵּיידֶע פוּן אַמֶערִיקֶע, גֶעוֶועגְלִיךְ רוֹב מֶענְטְשְׁן צִיעֶן זִיךְ צוּרִיק קַיין אַמֶערִיקֶע אַפָּאר יָאר דִי חֲתוּנָה, מִיר הָאבְּן מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ בְּלַייבְּן דָא וואוֹנֶען צוּלִיבּ דִי רוּחְנִיּוּת, אוּן צוּלִיבּ דִי נִסְיוֹנוֹת פוּן טֶעכְנֶעלָאגְיֶע וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק נִפְרָץ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

מִיר בֵּיידֶע זֶענֶען מַחְשִׁיב דָאס וואוֹנֶען דָא, אָבֶּער מִיט אֵיין זַאךְ אִיז אוּנְז דָא זֵייעֶר שְׁוֶוער, וָואס מַאכְט אוּנְז זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט, אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט דָא קַיין חֲבֵרִים אוּן מִשְׁפָּחָה, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין סְבִיבָה וואוּ צוּ גֶעהֶערְן. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל טְרֶעפְן דָא גוּטֶע חֲבֵרִים אוּן אַן עֶרְלִיכֶע סְבִיבָה, אָבֶּער דֶערְוַוייל הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אֵיינֶעם אַז מֶען דַארְף וואוֹינֶען וואוּ עֶס אִיז גוּט פַאר דִי חִינוּךְ פַאר דִי קִינְדֶער, אִיז מַיין שְׁאֵלָה וָואס עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן אִין מַיין מַצָּב, זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן דָא וואוֹינֶען וַוייל דָא וֶועט זַיין בֶּעסֶער דִי חִינוּךְ פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, טְרָאץ וָואס דָאס וואוֹינֶען דָא מַאכְט מִיר זֵייעֶר בְּעַצְבוּת?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עַצְבוּת הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִי פְּלַאץ וואוּ מֶען וואוֹינְט, עַצְבוּת אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט אוֹיף דֶעם דָאס אַוֶועק צוּ שְׁטוּפְּן. וואוּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ נָאר גֶעפִינֶען, זָאל עֶר זַיין אִין גַן עֵדֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין - וֶועט עֶר אוֹיךְ דַארְפְן אַוֶועק שְׁטוּפְּן דִי עַצְבוּת. אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז גֶעוֶוען אִין גַן עֵדֶן מִיט חַוָּה, זֵיי הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִינֶעם שֶׁענְסְטְן פְּלַאץ וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן, דָאךְ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דֶער שְׁלַאנְג אוּן זֵיי אִיבֶּערְגֶערֶעדְט זֵיי זָאלְן נִישְׁט פָאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט זֵיי אַרַיין גֶעוָוארְפְן אִין אַן עַצְבוּת, אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה סה, כה): "וְנָחָשׁ עָפָר לַחְמוֹ", דֶער שְׁלַאנְג -

זַיין זַאךְ אִיז עַצְבוּת וָואס קוּמְט פוּן עָפָר.

מֵיין נִישְׁט אַז אִין אַמֶערִיקֶע וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער, נָאר וואוּ מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ דַארְף מֶען אַרְבֶּעטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַוֶועק צוּ שְׁטוּפְּן דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, דֶערִיבֶּער הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בַּאפוֹילְן אַז מִיר זָאלְן אַרְבֶּעטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דִיפְּרֶעסְט. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם - כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען וַוייל מֶען אִיז דִיפְּרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

וִוי קֶען מֶען זָאגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן וואוּ צוּ וואוֹינֶען וְכוּ׳? אִיךְ קֶען דִיר מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז דוּ זָאלְסְט וִויסְן וָואס צוּ טוּן, אִים בֶּעטְן זָאלְסְט הָאבְן אַ גֶעפִיל דָארְט וואוּ דוּ וואוֹינְסְט - דִי עֵצָה קֶען אִיךְ דִיר גֶעבְן, דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין עֵצָה. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלח), דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי אֵיינֶער דַאוֶוענְט מַעֲרִיב אוּן כַאפְּט אָפּ דִי וֶוערְטֶער: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ", הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "דִי וֶוערְטֶער פוּן 'וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ', דַארְף מֶען דָאךְ זָאגְן מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּב'עֶ תְּפִלָּה"; וַוייל דֶער עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען הָאט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ סְפֵיקוֹת צִי מֶען זָאל טוּן אַזוֹי צוּ אַזוֹי, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן", אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן; אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קֵיין עֵצָה גֶעבְן זָאלְסְטוּ טוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר רֶעדְן פוּן זַאכְן אִין וָואס מַיין בָּחוּר דַארְף זִיךְ פַארְרֶעכְטְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיר קֶענְט מִיר נִישְׁט און אִיךְ קֶען אַייךְ נִישְׁט, אָבֶער אִיךְ מוּז אַייךְ בַּאדַאנְקֶען פוּן טִיפְן הַארְץ פַאר אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים.

מַיין בָּחוּר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, און עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ פָאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר הֶערְט. אַזוֹי וִוי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער בָּחוּר וֵוייסְט עֶר נָאכְנִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶר ווִיל אִין לֶעבְּן, עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַוועקְגֶעשְׁטֶעלְט גֶעהֶעריג, אָבֶער עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ פָאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר הֶערְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, און דָאס פִירְט אִים אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג אָנְצוּקוּמֶען ווִי מֶען דַארְף.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי ווִי עֶר שְׁלוּנְגְט מַמָּשׁ מִיט דָארְשְׁט יֶעדֶעס וָוארְט פוּן דִי דְרָשׁוֹת, זַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּר און מַשְׁגִּיחִים הֶערְט עֶר נִישְׁט אַזוֹי אוֹיס ווִי עֶר הֶערְט אַייךְ, אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן צוּ רֶעדְן פוּן גֶעווִיסֶע זַאכְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, זַאכְן וָואס עֶר קֶען נוּצְן אִין לֶעבְּן, זַאכְן אִין וָואס עֶר דַארְף זִיךְ פַארְרֶעכְטְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ זָיי אִים מְחַזֵּק עֶר זָאל וַוייטֶער הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, עֶר זָאל לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן; מִיט דִי צַייט וֶועט זִיךְ בַּיי אִים אַלֶעס טוֹישְׁן און עֶר וֶועט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי ווִי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכ): "כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּת אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל, יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה", וֶוער עֶס וֶועט מִיר פָאלְגְן און עֶר וֶועט טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הֵייס, וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי אֵיינְצְלְהֵייטְן וָואס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן, פְרֵיי זִיךְ אַז עֶר

הָאט אַ גֶעפִּיל אִין רֶבִּי׳ן, עֶר הֶערְט אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים וָואס בְּלָאזְן אַרַיין לֶעבְּן אִין מֶענְטְשְׁן; מִיט דִי צַייט וֶועסְטוּ זֶען וָואס דֶער רֶבִּי וֶועט מַאכְן פוּן אִים.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר פְלֶעגְט בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיּוֹן; וֶוען עֶר הָאט זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט קַיין אוּמַאן הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: ״פוּן דָא אִין וַוייטֶער וֶועט דֶער רֶבִּי זִיךְ פָּארֶען מִיט עֶנְק״; אַזוֹי וֶועט זַיין מִיט דַיין זוּן, דוּ בְּרֶענְג אִים צוּם רֶבִּי׳ן, זַיי אִים מְחַזֵק עֶר זָאל וַוייטֶער הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן פוּן דָארְט אוּן וַוייטֶער וֶועט זִיךְ דֶער רֶבִּי פָּארֶען מִיט אִים.

טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דַיין זוּן וִויל זַיין גוּט, טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דַיין זוּן הֶערְט שִׁיעוּרִים וְוִי אַזוֹי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַז עֶר הָאט אַ גֶעפִּיל אִין רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ כִּתָּה ב' מְלַמֵד, אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן אִיךְ דֶערְצֵייל אַסַאךְ מָאל אִיבֶּער פַאר דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשִׂיוֹת וָואס אִיךְ הֶער בַּיי דִי שִׁיעוּרִים.

אַסַאךְ מָאל דֶערְצֵייל אִיךְ זֵיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְוִי אַזוֹי זַיין טַאטֶע אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר קְלֵיין, אוּן וְוִי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ'. עֶס זֶענֶען אָבֶּער דָא קִינְדֶער וָואס זָאגְן מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה וַוייל עֶס אִיז צוּ שְׁרֶעקֶעדִיג.

פוּן אֵיין זַייט קֶען דָאס זַיין גָאר אַ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פַאר דִי קִינְדֶער אוֹיב זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ אַמָאל אַרִיבֶּערְגֵיין שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן צָרוֹת אִין לֶעבְּן אוּן דָאס וֶועט זֵיי גֶעבְּן חִיזּוּק אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט זֵיי, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען זַיין אַז זֵיי הָאבְּן טַאקֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת פוּן דֶעם בַּיינַאכְט, אַז אֶפְשָׁר וֶועט זֵייעֶר טַאטֶע שְׁטַארְבְּן וְכַדוֹמֶה.

זָאל אִיךְ וַוייטֶער דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער אָדֶער נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ב סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים; דָאס וֶועט זֵיי אוֹיפְפְלַאקֶערְן זֵייעֶר הַארְץ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רמח): ״דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד״, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, ״כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד״, וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט צוּ וָואס דִי צַדִּיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

וֶוען דוּ דֶערְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן נִפְטָר וֶוערְן זָאלְסְטוּ זֵיי דָאס אַרָאפְּלֵייגְן אָן קֵיין פַּחַד אוּן שְׁרֶעק; וֶוען דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן וָואס עֶס מֵיינְט שְׁטַארְבְּן, גֶעבּ זֵיי צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דֶעם גוּף לֵייגְט מֶען אִין דֶער עֶרְד אוּן דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף אִין הִימְל, אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען הָאט גֶעטוּן אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה - דַאן גֵייט מֶען אִין גַּן עֵדֶן צוּזַאמֶען מִיטְ׳ן בַּאשֶׁעפֶער.

שְׁטַארְבְּן אִיז נִישְׁט אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף אַמָאל צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי עֶצֶם זַאךְ פוּן שְׁטַארְבְּן אִיז בִּכְלָל נִישְׁט שְׁרֶעקֶעדִיג, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן אֵיין שְׁטוּבּ צוּ אַ צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קנו); שְׁרֶעקֶעדִיג אִיז וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אָן קֵיין תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. אַז אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל נַאקֶעט אָן קֵיין תּוֹרָה, אָן קֵיין מִצְוֹת אוּן אָן קֵיין גוּטֶע זַאכְן - דָאס אִיז שְׁרֶעקֶעדִיג.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס כַאפְּן נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי שְׁנֶעל דָאס לֶערְנֶען, זֵיי זָאלְסְטוּ מְקָרֵב זַיין. אוּן אוֹיךְ אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס ווִילְן נִישְׁט גְלַייךְ לֶערְנֶען זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן; זֵיי זָאלְסְטוּ אוּנְטֶערְקוֹיפְן מִיט גוּטֶע

זַאכְן בִּיז זֵיי וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵד וָואס קוֹיפְט אוּנְטֶער דִי קִינְדֶער וָואס ווִילְן נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן עֶר דְרֵיידְט אַרוּם מִיט זֵיי בִּיז זֵיי וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.): עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן מֶען הָאט גוֹזֵר תַּעֲנִית גֶעוֶוען אָבֶער עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט, אִיז אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" - הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד דַרְדַקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס ווִיל נִישְׁט לֶערְנֶען בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד, אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִּישׁ טַאנְק אוּן אִיךְ רֶעד אִים צוּ אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִּישְׁלֶעךְ, בִּיז עֶר הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען מְשַׁחֵד זַיין קִינְדֶער מִיט בַּעֲלֵי חַיִּים וְכַדוֹמֶה, אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען פְלַייסִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף אִיךְ מוֹרָא הָאבְּן צוּ גֵיין הֲפָצָה וַוייל עֶס קֶען מַאכְן מַחְלֹקֶת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ בִּרְכַּת מַזָל טוֹב לְרֶגֶל דִי יוֹם הוּלֶדֶת דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן מִיט אַסַאךְ כֹּחַ צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר שׁוֹין אַמָאל גֶעשְׁרִיבְּן פֶערְזֶענְלִיךְ אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין הֲפָצָה, אוֹיךְ הֶער אִיךְ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן אִינְגֶעלַייט וֶועגְן הֲפָצָה אוֹיפְ'ן "קוֹל בְּרֶסְלֶב"

טֶעלֶעפָאן לַיין, און אִיךְ בִּין זֵיי מַמָּשׁ מְקַנֵּא, בִּפְרַט אַז אִין מַיין גֶעגְנְט וואו אִיךְ וואוֹין אִיז נִישְׁט דָא קַיין מְפִיצִים.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ כַאפּ אַן הִתְעוֹרְרוּת צוּ גֵיין הֲפָצָה, אֲפִילוּ נָאר מִיט'ן אַרָאפְּלֵייגְן גִּלְיוֹנוֹת אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, הֵייבּ אִיךְ אָן צוּ טְרַאכְטְן וָואס וֶועט גֶעשֶׁען אוֹיבּ עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ מִכְשׁוֹל דֶערְפוּן, לְמָשָׁל אַ אִינְגֶערְמַאן וֶועט עֶס נֶעמֶען און זַיין וַוייבּ וֶועט נִישְׁט מַסְכִּים זַיין דֶערְצוּ, אָדֶער וֶועט אֵיינֶער אָפְּלָאזְן זַיין חֲסִידוּת צוּלִיבּ דֶעם, וָואס דָאס קֶען גוֹרֵם זַיין פֵּירוּדִים אִין אַ מִשְׁפָּחָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, און אִיךְ וֶועל דָאס הָאבְּן גוֹרֵם גֶעוֶוען. מִמֵּילָא בִּין אִיךְ זִיךְ מוֹנֵעַ פוּן דֶעם.

אָבֶער וויבַאלְד מַיין הַארְץ בְּרֶענְט מִיר אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת פַאר נָאךְ אִידְן, וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, וויל אִיךְ בֶּעטְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר זָאגְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

מַחְלֹקֶת? דָאס מַאכְט מַחְלֹקֶת? דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן מַאכְט מַחְלֹקֶת?! אוֹיבּ עֶפֶּעס מַאכְן דִי סְפָרִים שָׁלוֹם צְווִישְׁן קִינְדֶער און עֶלְטֶערְן, עֶס מַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן און וַוייבּ וְכוּ'; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זָאגְן אַז דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים און גִּלְיוֹנוֹת צֶעטֵיילְן מִשְׁפָּחוֹת, וֶוען צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת נָאר פוּן דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים; צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער שְׁטוּבֶּער זֶענֶען אוֹיפְגֶעלָאכְטְן גֶעוָוארְן פוּן דִי סְפָרִים.

וֶוער אִיז נָאךְ אַזוֹי מְחַזֵּק אַז מֶען זָאל זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ עֶלְטֶערְן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי? וֶוער אִיז נָאךְ אַזוֹי מְחַזֵּק אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט מַחְלֹקֶת, מֶען זָאל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה - ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי? וֶוער עֶס אִיז טוֹעֵם פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶוערְט דָאךְ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה צוּם גוּטְן; מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען הָאט שִׁיעוּרִים אִין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, מֶען הֵייבְּט אָן דַאוֶונֶען מִיט הִתְלַהֲבוּת, מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווִי קֶענְסְטוּ אֲפִילוּ טְרַאכְטְן אַז דִי

סְפָרִים מַאכְן מַחְלֹקֶת, אַז דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת צֶעבְּרֶעכְן מִשְׁפָּחוֹת?

אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַזוֹי שְׁטַארְק חוֹשֵׁשׁ פַּאר מַחְלֹקֶת וָואלְסְטוּ וֶוען גֶעדַארְפְט זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער צוּ לֵייגְן דִי גִּלְיוֹנוֹת אִין אַלֶע שׁוּלְן אוּן אִין יְשִׁיבוֹת, צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל וֶוער עֶס וֵוייסְט נָאר אַבִּיסְל וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, וִוי מֶענְטְשְׁן פַּאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, בִּפְרַט בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, וִוי זֵיי פַּאלְן אַרָאפּ אִין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע זִינְד, זֵיי פַּאלְן אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, בִּיז זֵיי לָאזְן אָפּ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; זֵיי גֵייעֶן אַוֶועק פוּן שְׁטוּב, זֵיי לָאזְן אָפּ דִי מִשְׁפָּחָה אוּן דִי עֶלְטֶערְן וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן; נִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן, נִישְׁט דָא וָואס צוּ מַאכְן מִיט זֵיי, אַלֶע הֵייבְּן אוֹיף דִי הֶענְט וַוייל קֵיינֶער הָאט צוּ זֵיי נִישְׁט קֵיין שְׁפְּרַאךְ, קֵיינֶער וֵויסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט מִיט זֵיי, וִוי אַזוֹי מֶען כַאפְּט זֵיי אָן, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן מִיט זֵיי אַ שְׁטִיקְל שַׁיְיכוּת זֵיי צוּ קֶענֶען הַאלְטְן זֵיי זָאלְן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַּאלְן נָאךְ וַוייטֶער אוּן נָאךְ מֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן; נָאר דֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע זִיסֶע עֵצוֹת, מִיט זַיינֶע וַוארֶעמֶע הִתְחַזְּקוּת - הָאט דִי שְׁפְּרַאךְ זֵיי צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען; וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט גֵיין טָאג אוּן נַאכְט הֲפָצָה.

וִוי קֶען מֶען שְׁלָאפְן רוּאִיג וֶוען עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר! וִוי קֶען מֶען זִיצְן מִיט פַארְלֵייגְטֶע הֶענְט וֶוען דִי פֵייעֶר אִיז דָא נֶעבְּן אוּנְז, נִישְׁט עֶרְגֶעץ וַוייט אַוֶועק; דֶער פֵייעֶר בְּרֶענְט אִיבֶּערָאל, עֶס פַּאלְן אַוֶועק נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַּאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת; וִוי קֶען מֶען שְׁלָאפְן וֶוען מֶען קֶען זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען?! דִי גִּלְיוֹנוֹת, סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אִיז גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַזַא שְׁפְּרַאךְ אַז אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז וַוייט פַארְקְרָאכְן שְׁפִּירְט וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אִים.

דֶער רֶבִּי קֶען אַרוֹיס נֶעמֶען יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן זַיין בְּלָאטֶע; אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז שׁוֹין אַריין גֶעפַאלְן אִין אַלֶע בְּלָאטֶעס, עֶר לִיגְט שׁוֹין אִין אַלֶע זִיבְּן גֵיהִנוֹם׳ס קֶען אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְנֶעמֶען. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רחצ): "אִיךְ הָאבּ דֶעם זֶעלְבְּן כֹּחַ וָואס דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעהַאט, אִיךְ קֶען רֶעדְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם טִיפְסְטְן גֵיהִנוֹם אוּן אִים אַרַיין לֵייגְן אִין גַּן עֵדֶן"; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה י:) אַז דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט זַיין זוּן אַבְשָׁלוֹם פוּן אַלֶע זִיבְּן גֵיהִנוֹם׳ס וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט בַּיי דִי לְוָיָה זִיבְּן מָאל: "בְּנִי אַבְשָׁלוֹם בְּנִי בְּנִי אַבְשָׁלוֹם (שְׁמוּאֵל ב יט, א-ה)", מַיין קִינְד מַיין קִינְד, אַבְשָׁלוֹם מַיין קִינְד - בִּיז עֶר הָאט אִים אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין גַּן עֵדֶן; דָאס טוּט דֶער רֶבִּי מִיט

אוּנְז אוּן דָאס אִיז דִי כֹּחַ פוּן דִי סְפָרִים, עֶס וַוייזְט דֶעם רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי שְׁטַארְק עֶר וַוארְט אוּן ווִיל אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן הֲפָצָה; זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן לֵייגְן גִּלְיוֹנוֹת אִין דַיין גֶעגְנְט. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן צוּ גֵיין אִין דִי הַייזֶער, זָאלְסְט אִיבֶּערְלָאזְן אִין יֶעדֶע שְׁטוּב פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ שֶׁיָּבֹא בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

...

## דַארְף אַ גְּרוּשָׁה זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַּאר דִי גֶעוואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר אַסַאךְ חִיזוּק אִין לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַ גְרוּשָׁה, אוּן אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ דַארְף זִיךְ נָאכְאַלְץ שֶׁערְן דִי הָאר. אוֹיךְ דַארְף אִיךְ נָאךְ חִיזוּק צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ בִּין שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרַ"ש אוּן אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִּים, אָבֶּער דֶערְוַוייל אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַ הַאלְבֶּע יָאר אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אָנְטְרָאגְן אַ גֶעהֶערִיגֶע שִׁידוּךְ.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן אִיבֶּער דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט אַז נָאךְ אֵיידֶער אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן אִיז שׁוֹין אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פַּאר אִים זַיין שִׁידוּךְ, אִיז דָאס שַׁיָּיךְ אוֹיךְ פַּאר מִיר אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער? אוּן אוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט שַׁיָּיךְ בַּיי אַ צְווֵייטֶע שִׁידוּךְ, אִיז דֶען פַּאר מִיר אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אַ מַאן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ד סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא, אִיר הָאט אַ שִׁידוּךְ; עֶס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פַּאר אַייךְ אַ

שִׁידוּךְ, אִיר וֶועט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁידוּךְ.

וֶוען מֶען דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען הָאבְּן גֶעדוּלְד; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ב) אַז תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן חֹטֶם - דִי נָאז פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה מח, ט): "וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ"; מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, וָואס הָאט דַאוֶוענֶען מִיט דִי נָאז? זָאגְט מוֹהֲרָא"ש צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס אַז מֶענְטְשׁ אָן אַ נָאז קֶען נִישְׁט לֶעבְּן, דִי גַאנְצֶע אָטֶעם גֵייט דוּרְךְ דִי נָאז, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּן מִיט תְּפִלָּה; עֶס זָאל זַיין בַּיי אִים מַמָּשׁ וִוי אָטֶעמֶען, פוּנְקְט אַזוֹי וִוי אָטֶעמֶען דַארְף מֶען דִי גַאנְצֶע צַייט, אַזוֹי דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן צַייט.

צְוֵוייטְנְס, דֶער נָאז וַוייזְט אוֹיף אֲרִיכַת אַפַּיִם, אוֹיף סַבְלָנוּת; וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, מֶען דַארְף בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּן שִׁיקְט אַ יְשׁוּעָה.

זַייטְס מַמְשִׁיךְ מִיט׳ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר זִיכֶער טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁידוּךְ.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר וַוייטֶער זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן לָאזְן מִיר נִישְׁט הָאבְּן אַ כָּשֵׁר׳עֶ סְמַארְטְפָאוֹן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כֹּל מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי וווּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן. וּבִפְרַט דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד אוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן זֶעכְצְן יָאר אַלְט, שׁוֹין פוּן גָאר אַלְס קְלֵיין קִינְד, זַייט אִיךְ גֶעדֶענְק, הָאב אִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן עֲבֵירוֹת מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אוּן זַייט דֶעמָאלְט פַאל אִיךְ אִין דִי שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, אַמָאל מֶער אוּן אַמָאל וֶוייניגֶער. בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת

גֶעהַאט אוֹיף מִיר אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט אָנְהוֹיבְּן אַרוֹיסְקְרִיכְן דֶערְפוּן, פַאַרְשְׁטֵייט זִיךְ אַז יֶעדְן טָאג הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַ וֶועלְטְס מִלְחָמָה זִיךְ צוּ הַאלְטְן עֶרְלִיךְ.

אִיךְ לֶערְן אִין אַ מְצוּיָן'דִיגֶע יְשִׁיבָה, אִיךְ הֵייס פוּן דִי בֶּעסְטֶע בָּחוּרִים אִין מַיין שִׁיעוּר, מַיין טַאטֶע מַאמֶע הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער, אוּן דֶערְפַאר לָאזְן זֵיי מִיר נִישְׁט קוֹיפְן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אִיךְ רֶעד פוּן אַ כָּשֵׁר'עֶ סְמַארְטְפָאוֹן מִיט אַ גוּטֶע פִילְטֶער, זֵיי לָאזְן מִיר נָאר קוֹיפְן אַ פְּשׁוּטֶע טֶעלֶעפָאן אָן קַיין טֶעקְסְט.

אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה הֵייסְן מֶער אָפֶענֶע קֶעפּ, אָבֶּער אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין דֶער "גוּטֶער" בָּחוּר הָאבְּן זֵיי מֶער מוֹרָא פַאר מִיר, זֵיי כַאפְּן אָבֶּער נִישְׁט אַז אִיךְ הַאלְט שׁוֹין לַאנְג נָאךְ דִי אַלֶע זַאכְן אוּן אִיךְ וִויל נָאר דִי סְמַארְטְפָאוֹן פַאר כָּשֵׁר'עֶ זַאכְן.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה אוּן חִיזוּק אִיבֶּער דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

ווִילְסְט הֶערְן דֶעם אֱמֶת? דֶער אֱמֶת אִיז אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶערֶעכְט; דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַ ווּאוּלֶער בָּחוּר. פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט זֶעט מֶען אַז דוּ בִּיסְט טַאקֶע פוּן דִי בֶּעסְטֶע בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה; דוּ שְׁרַייבְּסְט אַזוֹי שֵׁיין וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִיר אַז דוּ הָאסְט זִיךְ דֶערְווּאוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן וִוי דֶער דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת הָאט גֶעבִּיטְן דַיין לֶעבְּן, אוּן וִוי דוּ הֵייבְּסְט אָן אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן וְכוּ' - בִּיסְטוּ דָאךְ טַאקֶע אַ ווּאוּלֶער בָּחוּר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי צְוֵויי עֵצוֹת; עֶרְשְׁטְנְס - מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ"י; זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; נָאכְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָה, דָאס וֶועט אוֹיסְוַואשְׁן דַיין נְשָׁמָה פוּן אַלֶע עֲוֹונוֹת אוּן חֲטָאִים; נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְּמָרָא, הֵייבּ אָן שַׁ"ס אוּן גֵיי כְּסִדְרָן. אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאג דִי

וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר פַּארְצֵייעֶן, אַזוֹי וְוִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה - מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וְוִי עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

צְוֵוייטְנְס - זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; זוּךְ דִיר אוֹיף אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף דִי אַלֶע מַעֲשִׂים מְגוּנִים, דִי מַעֲשֵׂי תּוֹעֵבָה אִין וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיין גֶעפַאלְן פוּן אַלְס יוּנְג קִינְד; דוּ דַארְפְסְט אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ בִּיסְט בַּאגַאנְגֶען, אַזוֹי וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין.

זֶע צוּ זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים, דָאס וֶועט דִיר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עג).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים פְרִישְׁט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ז סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵייא זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ זָאגְסְט תְּהִלִּים אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶועןְ זֶעקְס מָאל דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תפה): ״אַ גוּט קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי פָּאנְטְשׁ״; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיסְגֶעטְרִיקְנְט אוּן אָפְּגֶעמַאטֶערְט נֶעמְט עֶר אַ טְרִינְק וָואס פְּרִישְׁט אִים אוֹיף, אַזוֹי אִיז אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, עֶס פְּרִישְׁט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִים גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

בֶּעט דַיין טַאטֶע עֶר זָאל דִיר אַהֵיים בְּרֶענְגֶען יֶעדֶע וָואךְ לְכָבוֹד שַׁבָּת דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵס ״עֲצָתוֹ אֱמוּנָה״, דָאס זָאלְסְטוּ לֵיינֶען שַׁבָּת; דִי בְּרִיוו וֶועט דִיר וַוייזְן וִוי אַזוֹי מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל לֶעבְּן, עֶס וֶועט דִיר מַאכְן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הָאב נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאב נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת; בֵּייג זִיךְ אַרָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין לֶעבְּן - וֶועסְטוּ מֶער נִישְׁט חָלוֹמְ׳ן דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת פוּן שְׁטַארְבְּן וְכַדוֹמֶה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת גַּאֲוָה, סִימָן יט): "מַבְהִילִין אֶת הָאָדָם בַּחֲלוֹמוֹת", מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט אַ מֶענְטְשׁ אִין זַיין חָלוֹם, "כְּדֵי לְהָסִיר מִמֶּנּוּ גַּאֲוָה שְׁקוּעָה, שֶׁהוּא מְכֻסֶּה מִמֶּנּוּ, שֶׁאֵינוֹ מַכִּיר בָּהּ", כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן; וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, מֶען קוּקְט אַרָאפּ אוֹיף אַנְדֶערֶע, דֶעמָאלְט דֶערְשְׁרֶעקְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְן אוֹיף אַנְדֶערֶע.

בְּנוֹגֵעַ טְרַאכְטְן פוּן מִיאוּסְ׳עֶ זַאכְן; שְׁלָאג זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרוֹיסְצוּרֶעדְן פוּן מוֹיל מִיאוּסְ׳עֶ וֶוערְטֶער; טְרַאכְטְן אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה.

זִינְג אוּן טַאנְץ נִיגוּנִים פוּן שִׂמְחָה וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**קוּק נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעם, פְּרוּבִּיר נָאר צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער עִיקָר וָואס דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען פַאר דַיין לֶעבְּן פוּן אוּנְזֶער סְקוּל בֵּית פֵּיגָא - אִיז דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוער עֶס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶער אִיז אַ גֶעהָאלְפֶענֶער.

אֲפִילוּ דוּ קֶענְסְט נָאךְ נִישְׁט טוּן אַלֶעס וָואס דוּ הֶערְסְט אִין סְקוּל, דוּ קֶענְסְט נָאךְ נִישְׁט טוּישְׁן דַיין לֶעבְּן - זָאלְסְטוּ אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן; קוּק נִישְׁט

אוֹיף אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ און טְרַאכְט נִישְׁט פוּן אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ, דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דֶעם אַז דוּ הָאסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און וָואס דוּ דַארְפְסְט בֶּעסְטוּ נָאר פוּן אִים.

דָאס אִיז אַלֶעס פוּן בְּרֶסְלֶב; בְּרֶסְלֶב בַּאשְׁטֵייט פוּן אֵיין זַאךְ: 'אוֹיסְלֶערְנֶען יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי שֵׂכֶל און שְׁטַארְקֵייט וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט פַאר אַ יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַזַא שֵׁיינֶע בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט בַּאקוּמֶען; אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אֵיין שְׁטִיקֶל אִינֶעם בְּרִיוו וואוּ דוּ שְׁרַייבְּסְט ווִי פְּרֵיילִיךְ דוּ בִּיסְט און אַז דוּ טְרַאכְסְט מֶער נִישְׁט וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן אוֹיף דִיר; עֶס גֵייט דִיר מֶער נִישְׁט אָן וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן, וַוייל דוּ דַארְפְסְט קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אַ שִׁידוּךְ - אַ מַאן מִיט וֶועם צוּ לֶעבְּן. און דוּ שְׁרַייבְּסְט וַוייטֶער אַזַא שְׁטַארְקֶע זַאךְ: "וֶוען אִיךְ טְרֶעף זִיךְ אֵיינֶער אַלֵיין, זִינְג אִיךְ מִיר דִי נִיגוּן מִי לִי בַּשָּׁמַיִם..."

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ מֶען קֶען הֶערְן אַזַא שֵׂכֶל און אַזַא שְׁטַארְקֵייט בַּיי עֶלְטֶער עֶלְטֶער בַּאבֶּעס, דָא בִּיסְטוּ אַ יוּנְגֶע מֵיידְל און דוּ הָאסְט שׁוֹין מֶער שֵׂכֶל ווִי עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן; קוּק צוּ וָואס דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ, עֶר בּוֹיט אוּנְז אוֹיף, מִיר זָאלְן זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט דִי אֱמוּנָה אַז עֶס זָאל אוּנְז מֶער נִישְׁט אָנְגֵיין קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער נִיגוּן מִי לִי בַּשָּׁמַיִם וָואס מִיר זִינְגֶען אִין יְשִׁיבָה, דִי וֶוערְטֶער הָאט פַארְפַאסְט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק - דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מֶען הָאט אִים אַמָאל גֶעהֶערְט ווִי עֶר זָאגְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים עג, כה): "מִי לִי בַשָּׁמָיִם, וְעִמְּךָ - לֹא

חָפַצְתִּי בָאָרֶץ", הָאט עֶר אַזוֹי גֶעזָאגְט: "מִי לִי בַשָּׁמָיִם" וֶועם הָאבּ אִיךְ אִין הִימְל? - אַלֶע זֶענֶען קֶעגְן מִיר, "וְעִמְּךָ", אוּן אַז אִיךְ הָאבּ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ", דַארְף אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם; הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען מִיט אַ בֶּענְקְשַׁאפְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין עוֹלָם הַזֶּה, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין עוֹלָם הַבָּא, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם - נָאר דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין".

הָאסְט מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דַיין בְּרִיוו; זָאג וַוייטֶער תְּהִלִּים, גֵיי וַוייטֶער אֵיידְל אָנְגֶעטוּן אוּן הֶעלְף דַיין מַאמֶע, דוּ הָאסְט זֵייעֶר חָשׁוּב'עֶ עֶלְטֶערְן; וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אַלֶע שְׁאֵלוֹת אִין צְנִיעוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָּאָה אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען עֶנְטְפֶערְס אוֹיף דַיינֶע פְרַאגֶעס הֶערְנְדִיג דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֵיינֶענְדִיג דִי בְּרִיוְון.

דֶעם שִׁיעוּר וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט הָאבּ אִיךְ אִינְזִין גֶעהַאט דֶערְמִיט דִיר אוֹיסְצוּקְלָארְן; אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט בַּיי דִי שִׁיעוּר וָואס דִיר בַּאדֶערְט אוּן וָואס עֶס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אוּן צוּגַאנְג דֶערְצוּ. אִיךְ הָאבּ הַנָּאָה אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין קְלָאר, אוּן נָאךְ מֶער הָאבּ אִיךְ הַנָּאָה אַז דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דִי בְּרִיוו וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט וֶוען דוּ הָאסְט מִיר גֶעפְרֶעגְט; דוּ דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס זֶענֶען דָא שְׁאֵלוֹת וָואס מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, בִּפְרַט שְׁאֵלוֹת אִין צְנִיעוּת, וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן; דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף בַּאזוּנְדֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, מֶען זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ צְנִיעוּת אוּן מֶען זָאל דָאס לִיבּ הָאבְּן, וַוייל לֵיידֶער וואוֹינֶען מִיר צְוִוישְׁן גוֹיִם אוּן מִיר זֶענֶען אַזוֹי פַארְזִינְקֶען אִין

גָלוּת אַז מֶען לֶערְנְט זִיךְ אָפּ פוּן זֵיי, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קו, לה): "וַיִּתְעָרְבוּ בַגּוֹיִם, וַיִּלְמְדוּ מַעֲשֵׂיהֶם"; מֶען וֵוייסְט שׁוֹין נִישְׁט וָואס מֵיינְט שֵׁיין אוּן וָואס אִיז זִיס, מֶען פַארְגֶעסְט וִוי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן. אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף אֵיידֶעלֶע קְלֵיידֶער, אֵיידֶעלֶע אָנְטוּאַכְץ - גְלוּסְט מֶען צוּ בְּרֶעכַאכְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בַּאנֵיי זִיךְ נָאכְאַמָאל פוּנְדַאסְנֵיי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט נַאכְט וֶועט פָארְקוּמֶען דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר פַאר אִינְגֶעלַייט; קוּם צוּם שִׁיעוּר, לָאמִיר זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דִי גוּטֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. מֶען גֵייט הַיינְט נַאכְט גָארְנִישְׁט מְחַדֵּשׁ זַיין קַיין פְרִישֶׁע חִידוּשִׁים, מֶען גֵייט זִיךְ אַלֵיינְס מְחַדֵּשׁ זַיין; דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חִידוּשׁ, אַז מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נָאכְאַמָאל בַּאנֵייעֶן.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען גְרֵייט שׁוֹין אָן דִי וַואסֶער אִין אוּמַאן; מֶען הָאט יֶעצְט גֶעגְרָאבְּן פְרִישֶׁע וַואסֶער בַּאסֵיינֶען צוּ קֶענֶען אָנְגְרֵייטְן וַואסֶער, כְּדֵי עֶס זָאל זַיין גֶענוּג וַואסֶער פַאר דִי גַאנְצֶע עוֹלָם וָואס קוּמְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן.

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא אַפָּאר בִּילְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### קְלַאפּ דִיר אַרוֹיס פוּן קָאפּ דָאס וָוארְט 'גֶט'

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קְלַאפּ דִיר אַרוֹיס דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּן קָאפּ; נִישְׁט דָא אַזַא וָוארְט "גֶט", נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ ווִי גֶעבְּן אַ גֶט, נֶעם אַרוֹיס פוּן דִיר דִי נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבָה.

דוּ הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, זִי אִיז דַיין וַוייבּ אוּן דִי מַאמֶע פוּן דַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער; דָאס אַז זִי לָאזְט דִיר נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - דָאס אִיז נָאר אַ מְנִיעָה, דָאס אִיז נָאר אַז דוּ זָאלְסְט נָאךְ שְׁטֶערְקֶער ווֶעלְן קוּמֶען, נָאךְ מֶער גְלִיסְטְן צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סו): "כָּל דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת", יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף טוּן, "כְּגוֹן לִנְסֹעַ לְהַצַּדִּיק", צוּם בֵּייְשְׁפִּיל - פָארְן צוּם צַדִיק, "אוֹ שְׁאָר דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת", אָדֶער אַנְדֶערֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף טוּן, "נוֹתְנִין לוֹ מִתְּחִלָּה חֵשֶׁק כְּדֵי שֶׁעַל יְדֵי זֶה יַעֲשֶׂה הַדָּבָר", בְּרֶענְגְט מֶען אִים פוּן הִימְל אַ גְלִיסְטֶענִישׁ אַז עֶר זָאל ווֶעלְן טוּן דִי זַאךְ, "וְעִקַּר גֹּדֶל הַחֵשֶׁק נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי הַמְּנִיעָה שֶׁמַּזְמִינִין לוֹ", אוּן דִי ווֶעג ווִי אַזוֹי מֶען בְּרֶענְגְט אַ גְלִיסְטֶענִישׁ פַאר'ן מֶענְטְשׁ אִיז דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען הַאלְט אִים אָפּ, מֶען שְׁטֶערְט אִים עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען טוּן דִי גוּטֶע זַאךְ, "כִּי כְּשֶׁאִישׁ יִשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת דָּבָר הַצָּרִיךְ לוֹ לְיַהֲדוּתוֹ, בִּפְרָט כְּשֶׁצָּרִיךְ לוֹ לַעֲשׂוֹת דָּבָר גָּדוֹל הַצָּרִיךְ לְיַהֲדוּתוֹ, שֶׁכָּל יַהֲדוּתוֹ תָּלוּי בָּזֶה - כְּגוֹן לִנְסֹעַ לְצַדִּיק אֲמִתִּי", וַוייל ווֶען אַ אִיד דַארְף טוּן אַ זַאךְ וָואס זַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דֶעם, ווִי צוּם בֵּייְשְׁפִּיל עֶר דַארְף גֵיין צוּ אַן אֶמֶת'ן צַדִיק, "אֲזַי מַזְמִינִין לוֹ מְנִיעָה", דֶעמָאלְט הַאלְט מֶען אִים אָפּ, "וְזֹאת הַמְּנִיעָה הִיא בִּשְׁבִיל הַחֵשֶׁק, כְּדֵי שֶׁעַל יְדֵי זֶה יִהְיֶה לוֹ חֵשֶׁק יוֹתֵר לַעֲשׂוֹת אוֹתוֹ הַדָּבָר", דָאס טוּט מֶען פַאר'ן מֶענְטְשׁ וַוייל מֶען ווִיל עֶר זָאל מֶער אוּן מֶער גְלִיסְטְן צוּ דִי זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי הַמְּנִיעָה שֶׁמּוֹנְעִין אֶת הָאָדָם מִן הַדָּבָר, עַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה הִתְגַּבְּרוּת הַחֵשֶׁק מְאֹד", וַוייל ווֶען מֶען ווִיל עֶפֶּעס טוּן אוּן מֶען קֶען עֶס נִישְׁט טוּן - דָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל עֶס נָאךְ מֶער ווֶעלְן טוּן, "כְּמוֹ לְמָשָׁל כְּשֶׁמַּרְאִין לְקָטָן דָּבָר הַנֶּחְמָד לוֹ, וְתֵכֶף וּמִיָּד חוֹטְפִין מִמֶּנּוּ וּמַחְבִּיאִין מִמֶּנּוּ, אֲזַי הוּא רוֹדֵף מְאֹד אַחַר הָאָדָם, וּמְבַקֵּשׁ וְחוֹשֵׁק מְאֹד לְאוֹתוֹ הַדָּבָר", אַזוֹי ווִי מֶען ווַייזְט פַאר אַ קִינְד אַ גוּטֶע זַאךְ אוּן מֶען בַּאהַאלְט עֶס נָאכְדֶעם פוּנֶעם קִינְד, הֵייבְּט דָאס קִינְד אָן מֶער נָאכְצוּלוֹיפְן דִי זַאךְ אוּן עֶר הֵייבְּט אָן מֶער גְלִיסְטְן צוּ דֶעם, "נִמְצָא שֶׁעִקַּר הַחֵשֶׁק נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי שֶׁחָטְפוּ מִמֶּנּוּ וְהֶחְבִּיאוּ אֶת הַדָּבָר", דָאס גֶעשֶׁעהְט וַוייל דֶער קִינְד קֶען דָאס נִישְׁט זֶען אוּן קֶען דָאס נִישְׁט בַּאקוּמֶען,

דֶערִיבֶּער הֵייבְּט עֶר אָן מֶער בֶּענְקֶען צוּ דֶעם; זֶעט מֶען אַז דָאס שְׁטַארְקֶע גְלִיסְטֶענִישׁ קוּמְט פוּן דֶעם וָואס מֶען קֶען דָאס נִישְׁט הָאבְּן, "כְּמוֹ כֵן מוֹנְעִין אֶת הָאָדָם בִּמְנִיעוֹת מֵהַדָּבָר הַצָּרִיךְ לוֹ, כְּדֵי שֶׁעַל יְדֵי זֶה יִהְיֶה לוֹ חֵשֶׁק יוֹתֵר", דָאס זֶעלְבֶּע טוּט מֶען מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ וָואס דַארְף טוּן גוּטֶע זַאכְן, מֶען הַאלְט עֶס אָפּ פוּן אִים כְּדֵי עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין אִים אַ שְׁטַארְקֶע גְלִיסְטֶענִישׁ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "וְלֶחֶם סְתָרִים יֶנְעָם", בַּאהַאלְטֶענֶע בְּרוֹיט אִיז זִיס.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען דֶעם תּוֹרָה נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל - וֶועסְטוּ שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס עֶס דַארְף אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מְנִיעוֹת וֶוען מֶען וִויל מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן, מֶען וִויל קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; וַוייל וִוי שְׁטֶערְקֶער עֶס זֶענֶען דִי מְנִיעוֹת אַלְץ שְׁטֶערְקֶער וֶוערְט דִי גְלוּסְטֶענִישׁ צוּ מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם צַדִּיק, וָואס אִין דֶעם אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "וְעַל כֵּן רָאוּי לָאָדָם לָדַעַת כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ מְנִיעוֹת גְּדוֹלוֹת מְאֹד מֵאֵיזֶה דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, יֵדַע וְיָבִין מִזֶּה, שֶׁזֶּה הַדָּבָר שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת הוּא נֶחֱשָׁק גָּדוֹל מְאֹד", דֶערִיבֶּער דַארְף אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אַז וֶוען עֶר גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן, מֶען הַאלְט אִים אָפּ פוּן טוּן גוּטֶע זַאכְן - אַז דָאס אִיז נָאר כְּדֵי אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן זַיין חֵשֶׁק, "וּבִפְרָט כְּשֶׁרוֹצֶה לִנְסֹעַ לְצַדִּיק הָאֱמֶת", בִּפְרַט וֶוען מֶען וִויל פָּארְן צוּם אֶמֶת'ן צַדִּיק. "כִּי יֵשׁ צַדִּיקִים הַרְבֵּה", עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אַסַאךְ צַדִּיקִים, "אֲבָל יֵשׁ בְּחִינוֹת נְקֻדּוֹת הָאֱמֶת בֵּין הַצַּדִּיקִים שֶׁכְּשֶׁרוֹצִים לְהִתְקָרֵב אֵלָיו, שֶׁבָּזֶה תָּלוּי הַכֹּל", אָבֶּער צְוִוישְׁן דִי צַדִּיקִים אִיז דָא דֶער אֱמֶת'ער צַדִּיק וָואס דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין אִים, "אֲזַי יֵשׁ לְהָאָדָם מְנִיעוֹת גְּדוֹלוֹת רַבּוֹת מְאֹד, וּמִזֶּה בְּעַצְמוֹ יָבִין הָאָדָם גֹּדֶל מַעֲלַת הַנֶּחֱשָׁק כַּנַּ"ל", דֶעמָאלְט אִיז דָא זֵייעֶר גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת.

דָאס אַלֶעס שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר אִין גְרוֹיס אֵיילֶענִישׁ, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט; אָבֶּער אִיךְ הָאבּ דִיר דָאס גֶעשְׁרִיבְּן וַוייל אִיךְ צִיטֶער פוּן דִי וָוארְט 'גֶט'. אִיךְ וֵוייס אַז דָאס אִיז מַעֲשֶׂה יֵצֶר - עֶר וִויל צֶעבְּרֶעכְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער, דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, קְלַאפּ דִיר אַרוֹיס פוּן קָאפּ דָאס וָוארְט 'גֶט'; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן הָאבְּן סַבְלָנוּת וֶועט דַיין וַוייבּ דִיר לָאזְן פָּארְן קַיין אוּמַאן, אוּן נִישְׁט נָאר לָאזְן פָּארְן נָאר זִי וֶועט דִיר הֵייסְן גֵיין אוּן זִי וֶועט דִיר הֶעלְפְן אִין הַפָּצָה.

אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן גֶעדוּלְד, דוּ וֶועסְט נִישְׁט מַדְחִיק זַיין דֶעם קֵץ - וֶועסְטוּ

זֶען שֵׁיינֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי פְּרִישֶׁע בֶּענְדֶער "אֲשֶׁר בַּנַּחַל"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל.**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר שִׁיקְן דִי צְוֵויי נֵייעֶ בֶּענְדֶער אֲשֶׁר בַּנַּחַל – חֵלֶק קע"ז אוּן חֵלֶק קע"ח.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ טְרֶעפְן אִין חֵלֶק קע"ח (מִכְתָּב מז אֶלֶף, רנו) דֶעם בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן זוּנְטָאג פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, מִיר מְחַזֵק צוּ זַיין נָאכְדֶעם וָואס לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים הָאט מֶען אַוֹיסְגֶעוָוארְפְן פַּאשְׁקֶעוִוילְן אוֹיף מִיר אִין דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט; דֶער בְּרִיוו הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן עֶס אִיז מִיר מְחַזֵק בִּיז הַיינְט.

אִיךְ הָאבּ דוּרְךְ גֶעלֶערְנְט בֵּיידֶע בֶּענְדֶער אִין אֵיין אָטֶעם, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אוֹיף פְּרִישֶׁע בֶּענְדֶער.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר שִׁיקְן דֶעם זְמִירוֹת וָואס אִיז יֶעצְט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, אִיךְ וַוארְט מִיט דָארְשְׁט אוֹיף נָאךְ אַ וָוארְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; יֶעדֶעס וָוארְט אִיז פַאר מִיר כַּמַּיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה, אוֹיךְ קֶען אִיךְ דָאס אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר דִי בָּחוּרִים.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט נָאכְן שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי: "יֶעצְט נֶעם דִי שִׁיעוּר אוּן מַאךְ פוּן דֶעם הוּנְדֶערְט שִׁיעוּרִים".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דַיין מְלַמְדוּת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע טוֹבָה פַאר דַיין מַאמֶע'ס נְשָׁמָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, כ' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז דַיין מַאמֶע הָאט צוּרִיק גֶעגֶעבְּן אִיר נְשָׁמָה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; הַמָּקוֹם יְנַחֵם אוֹתְךָ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר טְרֵייסְטְן, בְּתוֹךְ שְׁאָר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם, מִיר זָאלְן נִישְׁט וִויסְן פוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס.

דִי גְרֶעסְטֶע טוֹבָה וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן פַאר דַיין מַאמֶע'ס נְשָׁמָה אִיז אַז דוּ זָאלְסְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דַיין מְלַמְדוּת דַיין גַאנְץ לֶעבְּן; מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אַרוֹיף טְרָאגְן דַיין מַאמֶע'ס נְשָׁמָה הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער בִּיז דִי הֶעכְסְטֶע פְּלֶעצֶער אִין גַן עֵדֶן.

...

### זַייטְס מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן זִיךְ לֶערְנֶען גְרֶעפִּיקְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, כ"א סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', יְרוּשָׁלַיִם.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט זִיךְ מְחַזֵּק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; אִיר הַאלְט מִיט דִי שִׁיעוּרִים וָואס מֶען לֶערְנְט אִין בֵּית פֵיגָא אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים.

זֵייעֶר גוּט טוּט אִיר אַז אִיר זֶענְט מְחַזֵּק אַייעֶר בְּרוּדֶער עֶר זָאל לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); זָאגְטְס אִים עֶר זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, עֶר זָאל עֶס אַיינְטֵיילְן לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, זוּנְטָאג זָאל עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי וֶועט עֶר עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם. עֶס אִיז גוּט עֶר זָאל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן אַזוֹי צוּ טוּן יֶעצְט פַאר דִי בַּר מִצְוָה כְּדֵי עֶס זָאל וֶוערְן בַּיי אִים אַ גֶעווּאוֹינְהֵייט, אַ חֵלֶק פוּן זַיין לֶעבְּן.

זַייטְס אִים מְחַזֵק עֶר זָאל עֶנְדִיגְן שַ״ס צוּ זַיין בַּר מִצְוָה; יֶעצְט זָאל עֶר אַוֶועק לֵייגְן דִי אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים, עֶר זָאל פְּרוּבִּירְן צוּ עֶנְדִיגְן שַ״ס, אַזוֹי וֶועט עֶר מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף זִיךְ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים.

זַייטְס מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן זִיךְ לֶערְנֶען גְרֶעפִיקְס; אַ קָאמְפְּיוּטֶער אוֹיבּ עֶס אִיז גוּט, עֶס אִיז כָּשֵׁר - אִיז נִישְׁט דָא אִין דֶעם קַיין פְּרָאבְּלֶעם. אַזוֹי אוֹיךְ אִימֶעיל אִיז אַ כָּשֵׁר'עֶ זַאךְ, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי פָּאסְט.

בְּנוֹגֵעַ וֵויינֶען שַׁבָּת, אַז עֶס קוּמְט אַייךְ אוֹיס אַסַאךְ מָאל שַׁבָּת צוּ וֵויינֶען פַּאר אַ שִׁידוּךְ אוּן אִיר הַאלְט זִיךְ צוּרִיק, אִיר ווִילְט וִויסְן אוֹיבּ מֶען מֶעג; עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ״ח, סְעִיף ב): ״מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ עוֹנֶג אִם יִבְכֶּה כְּדֵי שֶׁיֵּלֵךְ הַצַּעַר מִלִּבּוֹ, מוּתָּר לִבְכּוֹת בְּשַׁבָּת״, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ תַּעֲנוּג פוּן וֵויינֶען, עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ גוּט וֶוען עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס וֶוערְט אִים גְרִינְגֶער - מֶעג עֶר וֵויינֶען אוּם שַׁבָּת, אוּן דֶער טוּרֵי זָהָב זָאגְט (שָׁם, סְעִיף קָטָן ב): ״מִיר גֶעפִינֶען בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן שִׁיר הַשִׁירִים שַׁבָּת אוּן עֶס הָאט אִים גֶעֶרינֶען טְרֶערְן פוּן גְרוֹיס בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן״; זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן וֵויינֶען שַׁבָּת, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; זֵייעֶר גוּט אַז אִיר עֶקְלְט זִיךְ פוּן קְרִיכֶעדִיגֶע שְׁרָצִים, עֶס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ, אִיר דַארְפְט נִישְׁט זוּכְן עֵצוֹת אוֹיף דֶעם, בְּלַייבְּטְס מִיט דֶעם גֶעפִיל זִיךְ צוּ עֶקְלֶען פוּן קְרִיכֶעדִיגֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן.

זָאגְטְס וַוייטֶער תְּהִלִים; זִינְגְטְס דִי קַאפִּיטְלֶעךְ אוּן פְלֶעכְטְס אַרַיין אִין דִי פְּסוּקֵי תְּהִלִים אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע לוֹיב, גֶעזַאנְג אוּן גֶעבֶּעט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נֶעם נִישְׁט קַיין צַד אִין זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, כ״א סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אַז דוּ הָאסְט זִיךְ צֶעקְרִיגְט מִיט דַיין

טַאטֶע, וַוייל עֶר הַאלְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן קֶעגְן ... און דוּ הַאלְסְט אַז מֶען דַארְף יָא רֶעדְן קֶעגְן ....

עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט בִּכְלַל אַ דֵעָה אִין דִי גַאנְצֶע נוֹשֵׂא פוּן ...; בַּיי אוּנְז תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאבְּן מִיר בִּכְלַל נִישְׁט קַיין דֵעָה - נִישְׁט אַהֶער און נִישְׁט אַהִין, מִיר לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית. מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גַּדְלוּת הַמּוֹחִין, מִיר זָאלְן נִישְׁט דַאֲגָה'נֶען פוּן זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט מִיט אוּנְז.

עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער פַארְוָואס דוּ נֶעמְסְט אַ צַד אִין זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר, פַארְוָואס עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר בִּכְלַל דִי זַאכְן; תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ לֶעבְּן און גֶעדֶענְקֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּי'ן; דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג, מְחִיגֶר): "דִי לְבָנָה הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן זוּן, וָואס זָארְגְסְטוּ פְרֶעמְדֶע זָארְג? אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן מַיינֶע זָארְג, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ אִין מַיינֶע פוּס, דִי שֵׁדִים נֶעמֶען צוּ מַיינֶע כּוֹחוֹת", עַיֵּין שָׁם; דָאס דַארְף זַיין דַיינֶע זָארְג, דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זָארְג וָואס מִיר הָאבְּן, מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְכַאפְּט וֶוערְן בַּיי דִי שֵׁדִים, בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע - רַחֲמָנָא לִצְלַן.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, רֶעד מֶער נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם פוּן דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה, אַלֶע דַיינֶע וֶוערְטֶער זָאלְן נָאר זַיין דִיבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת. טוּ וָואס אִיךְ טוּ, וֶוען אֵיינֶער פְרֶעגְט מִיר וָואס אִיז מַיין דֵעָה אִין דִי פַּרְשָׁה, זָאג אִיךְ וָואס יֶענֶער וִויל הֶערְן; אַז יֶענֶער שְׁרֵייט "קָדוֹשׁ!" שָׁאקֶל אִיךְ דֶעם קָאפּ אוֹיף דֶער זַייט, אַז יֶענֶער שְׁרֵייט "טָמֵא!" - שָׁאקֶל אִיךְ דֶעם קָאפּ אוֹיף דֶעם אַנְדֶערְן זַייט; וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר? וָואס הָאט דָאס מִיט מַיין תִּיקוּן? אִיךְ דַארְף דָאךְ פַארְרֶעכְטְן מַיינֶע מַעֲשִׂים, אִיךְ וֶועל דָאךְ פָארְט דַארְפְן אוֹיסְטוּן דֶעם גוּף און צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס וֶועט מִיר הֶעלְפְן דִי אַלֶע שְׁמוּעֶסֶעלֶעךְ לְכַאן אָדֶער לְכַאן?

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז זִיךְ אָפּ פוּן שִׂיחוֹת יְלָדִים, גֶעדֶענְק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי דוֹסָא בֶּן הַרְכִּינָס זָאגְט (אָבוֹת ג, י): "שִׂיחַת הַיְלָדִים, וִישִׁיבַת בָּתֵּי כְנֵסִיּוֹת שֶׁל עַמֵּי הָאָרֶץ - מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם", שְׁמוּעֶסְן קִינְדֶערִישֶׁע שְׁמוּעֶסְן און זִיצְן מִיט עַמֵּי הָאֲרָצִים - מַאכְט מֶען זָאל פַארְלִירְן דִי וֶועלְט און יֶענֶע וֶועלְט; אַ שָׁאד צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט מִיט מִיר און נִישְׁט מִיט דִיר. גֶעדֶענְק, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה

תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר: דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, (דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר), "אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב", אוּן עֶר וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן ווִי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, "וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן? וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶועןְ צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט', אָבֶּער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נָאר מִיט תְּפִלָּה קוּמְט מֶען אָן צוּם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעהֶערְט דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז אוּקְרֵיינֶע לָאזְט שׁוֹין אַרַיין קוּמֶען אַמֶערִיקַאנֶע בִּירְגֶער, אַזוֹי אַרוּם וֶועלְן מִיר קֶענֶען קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי", אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, "וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה", פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?! "אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן! "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין אִים, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם", אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּין שָׁם.

מֶען דַארְף וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל זַיין אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; נָאר מִיט תְּפִלָּה קוּמְט מֶען אָן צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ גְרִיס פוּן אַייעֶר הַפָּצָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ', צְפַת.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ גְרִיס פוּן אַייעֶר הֲפָּצָה; אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ דִי וֶוערְטֶער וָואס אַ מֵיידְל הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, וְוִי זִי בְּרֶענְגְט אַ גְרִיס פוּן אַייעֶר הֲפָּצָה:

"הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין מִירוֹן בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין; אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ שֵׁיינֶע מַחֲזֶה, אִיךְ זֶע וְוִי אַ זִיסֶע אֵיידֶעלֶע פְרוֹי גֵייט פוּן פְרוֹי צוּ מֵיידְל מִיט אַ שְׁמֵייכְל, זִי רֶעדְט עֶפֶּעס אוּן גֶעבְּט עֶפֶּעס וְכוּ', עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, בִּיז זִי אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר... אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס פוּנְקְטְלִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען.

דִי פְּרוֹי אִיז גֶעוֶוען מָרַת ... תִּחְיֶ' פוּן צְפַת וָואס הָאט מֵפִיץ גֶעוֶוען פַאר שָׁעוֹת אוּנְזֶערֶע אַלֶע טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה. זִי קוּמְט צוּ מִיר מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן זָאגְט מִיר: 'הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ הַאלְבֶּע אַרְבֶּעט, צוּ וֶועם אִיךְ בִּין צוּגֶעגַאנְגֶען גֶעבְּן אַ קוּנְטְרֵס, אַ קַארְטְל וְכוּ' זָאגְט מִיר אוֹיסְנֶווֵיינִיג דִי נוּמֶער פוּן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ הַאטְלֵיין'".

שְׁטַארְקֶעְס אַייךְ אוּן גֵייטְס וַוייטֶער אָן מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין זְכוּת פוּן בּוֹיעֶן דֶעם עֵירוּב, וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְּן וֶוערְן מִיט אַ שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, יח): "כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים - אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ", דֶער וָואס הֶעלְפְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת דֶער וֶוערְט גֶעהִיטְן פוּן הִימְל; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז נָאכְן אַרַיין לֵייגְן אַזוֹיפִיל מִי אוּן פְּלָאג אִינֶעם עֵירוּב וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן קִינְדֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אִיךְ הַאלְט מִיט יֶעדְן טָאג יֶעדֶע פְּרַט וִוי מֶען הַאלְט מִיט'ן בּוֹיעֶן דֶעם עֵירוּב, אִיךְ בַּאקוּם אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע בַּארִיכְט וִויפִיל לֶחִי'ס מֶען לֵייגְט אַ טָאג; בָּרוּךְ הַשֵּׁם מֶען הַאלְט שׁוֹין כִּמְעַט בַּיים סוֹף, דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעלֵייגְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט לֶחִי'ס, יֶעצְט בְּלַייבְּט אִיבֶּער נָאךְ הוּנְדֶערְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב צוּ אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים פוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ״ג סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ נֶעמְסְט צַאם מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל.

אִיךְ זָאג דִיר דֶעם אֱמֶת, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ ווִיל דָאס טוּן; אִיךְ הָאבּ מִיר אָנְגֶעצֵייכְנְט אִין יֶעדְן בַּאנְד אֲשֶׁר בַּנַּחַל אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דֶעם חֵלֶק. יֶעצְט אַז דוּ זָאגְסְט מִיר אַז דוּ גֵייסְט דָאס אַרוֹיסְגֶעבְּן, פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט טַעְנָה׳ן מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ״ג סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, פֶּתַח תִּקְוָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט טַעְנָה׳ן מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן. מֶען גֵייט נִישְׁט אִין קַיין וִויכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן זִיכֶער נִישְׁט מִיט עֶלְטֶערְן.

דָאס וָואס זֵיי ווִילְן אַייךְ נֶעמֶען צוּ אַ דְרִיטְן מֶענְטְשׁ אַז יֶענֶער זָאל פַּסְקְ׳נֶען אוֹיבּ אִיר מֶעגְט הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּקִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא צוּ גֵיין, אוּן אַז יֶענֶער וֶועט אַייךְ זָאגְן אַז אִיר טָארְט זִיךְ נִישְׁט מְחַזֵּק זַיין אוּן אִיר טָארְט נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס וֶוערְטֶער - זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה׳ן אוּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן.

מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען זַיין טַאטֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ דֶערְוואוּסְט אַז עֶר לֶערְנְט בְּרֶסְלֶב׳עֶ סְפָרִים, הָאט עֶר אִים גֶעטְרָאגְן צוּ אֵיינֶעם פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אַז דֶער צַדִּיק זָאל אִים אָפְּרֶעדְן אוּן

בַּאפֶעלְן זִיךְ צוּ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִי סְפָרִים. וֶוען דֶער צַדִיק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"ש אַז עֶר זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים הָאט מוֹהֲרָא"ש אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט עַזּוּת דִקְדֻשָּׁה אוּן גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי וֶועט מִיר אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען פוּן הִימְל שְׁטִיקֶער פֵייעֶר, מַלְאָכִים אוּן שְׂרָפִים, אוּן זֵיי וֶועלְן מִיר זָאגְן אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דִי סְפָרִים וֶועל אִיךְ זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן; וַוייל אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְּן סְפָרִים וָואס בְּרֶענְגֶען מִיר נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועל אִיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן"; וֶוען דֶער צַדִיק הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר טָאטֵיי רַב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - מוֹהֲרָא"שְׁ'ס טַאטֶע: "לָאז אָפּ דַיין זוּן, עֶר מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט".

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אַסַאךְ חַזֶר'ן דִי מַעֲשֶׂה מִיט אוּנְז כְּדֵי מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען מֶען הָאט מְנִיעוֹת פוּן אַנְדֶערֶע אָפְּצוּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן; מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "מִיר הָאט מֶען גֶענוּמֶען צוּ אֵיינֶעם פוּן דִי גְרֶעסְטֶע אִינֶעם דוֹר, צוּ אַ מַלְאַךְ אֱלֹקִים (מִיר וֵוייסְן וֶוער דֶער צַדִיק אִיז גֶעוֶוען) אוּן וֶוען יֶענֶער הָאט מִיר אָפְּגֶערֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן - הָאבּ אִיךְ אִים נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט; אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט בַּיי מִיר אַז אַ רֶבִּי וָואס בְּרֶענְגְט מִיר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן".

וֶוער עֶס פְרֶעגְט אַייךְ: 'וָואס הָאסְטוּ גֶעטְרָאפְן אִין בְּרֶסְלֶב?' זָאלְט אִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת, אַז דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן בְּרֶענְגְט אַייךְ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אַז יֶענֶער הֵייבְּט אָן מַאכְן לֵיצָנוּת דַארְפְט אִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אוּן זִיכֶער זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'ן.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע צִי מֶען מֶעג טוּן מֻקְצֶה זַאכְן נָאכְן זְמַן פוּן שַׁבָּת; אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן צִינְדְן לֶעכְט אַבִּיסְל נָאכְן זְמַן הַדְלָקַת הַנֵרוֹת קֶענְט אִיר נָאךְ אַוֶועקְלֵייגְן מֻקְצֶה זַאכְן בִּיז זֵיי צִינְדְן דִי לֶעכְט.

בְּנוֹגֵעַ וָואס צוּ טוּן אִין דִי לֵיידִיגֶע צַייט וְכוּ'; אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, קוּקְטְס נִישְׁט קַיין מָאוִוי"ס, עֶס אִיז דָא גֶענוּג זַאכְן מִיט וָואס זִיךְ צוּ הַאלְטְן פַארְנוּמֶען, אָבֶּער מָאוִוי"ס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁטַארְק דִיךְ אֲפִילוּ אִין אַלֶע שְׁוֶועריִקייטְן אוּן טוּנְקְלְקֵייטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער פְרַיינְט ... נֵרוֹ יָאִיר.

בִּיסְט שׁוֹין לַאנְגֶע חֲדָשִׁים אַלֵיינְס, מֶען הָאט דִיר אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה; אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן וָואס דוּ מַאכְסְט, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר. אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אָנְצוּגֵיין מִיטְ'ן לֶעבְּן, דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ אֲפִילוּ אִין אַזֶעלְכֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן טוּנְקְלְקֵייטְן.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר עֶס זָאל דִיר זַיין גוּט, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן כֹּחַ פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ. מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט קֵיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיין זַאךְ וֵוייסְן מִיר, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן טוּט אַלֶעס מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַמָאל גֵייט אַ מֶענְטְשׁ אַרִיבֶּער שְׁוֶועריִקֵייטְן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֶען קוּמְט אָפּ מִיט דֶעם. עֶס קֶען זַיין אַז עֶס אִיז נִגְזַר גֶעוָוארְן אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אַן עֶרְגֶערֶע גְזֵירָה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט זַיין גְרוֹיס גֶענַאדֶע הָאט דָאס אַרִיבֶּער גֶעלֵייגְט אוֹיף אַ גְרִינְגֶערֶע וֶועג. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן כא): "לִפְעָמִים עַל יְדֵי תְּפִיסָה נִצּוֹל מִכִּלְיוֹן בָּנִים", אַמָאל קֶען זַיין אַז דוּרְךְ זִיצְן אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה וֶוערְן דִי קִינְדֶער גֶערַאטֶעוֶועט פוּן שְׁטַארְבְּן, רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַ שֵׁיין וָוארְט וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַלֶע יָארְן פַּרְשַׁת שְׁלַח. מִיר גֶעפִינֶען אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי מְרַגְּלִים זֵיי זָאלְן בְּרֶענְגֶען פוּן דִי פֵּירוֹת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פְרֶעגְט מוֹהֲרַ"אשׁ פַארְוָואס הָאבְּן יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן אוּן כָּלֵב נִישְׁט גֶעטוּן וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן אוּן נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דִי פְרוּכְט? עֶנְטְפֶערְט מוֹהֲרַ"אשׁ אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זֵיי גֶעזָאגְט (בַּמִּדְבָּר יג, כ): "וְהִתְחַזַּקְתֶּם וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ", אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נֶעמֶען פוּן דִי פְרוּכְט פוּן לַאנְד, זֵיי הָאבְּן יָא גֶעפָאלְגְט דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם "וְהִתְחַזַּקְתֶּם", זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען נִישְׁט נָאכְצוּגֵיין דִי לָשׁוֹן הָרָע'ס וָואס דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן גֶערֶעדְט.

אִיךְ הָאף אַז דִי בְּרִיוו קוּמֶען אָן אִין תְּפִיסָה; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעשִׁיקְט אַפָּאר בְּרִיוו, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן אוֹיבּ דוּ בַּאקוּמְסְט דָאס.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט שׁוֹין וָואס שְׁנֶעלֶער בַּאפְרֵייט וֶוערְן און אַז מִיר אַלֶע זָאלְן שׁוֹין בַּאפְרֵייט וֶוערְן פוּנֶעם גָלוּת.

...

## אַ פְרוֹי אִיז בְּכֹחַ אוֹיפְצוּהֵייבְּן אִיר מַאן אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּ דִי שֶׁענְסְטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ שָׁאד זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן, אַ שָׁאד צוּ מַסְבִּיר זַיין, עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן קַיין הֶסְבֵּרִים וְכוּ'; אַייעֶר שְׁוֶוער אִיז נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ טוּט נִישְׁט מִיט אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶ'ע זוּן דָאס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט אַייעֶר מַאן; מִיט רֶעדְן אוּן מַסְבִּיר זַיין וֶועט אִיר אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָנְקוּמֶען.

אִיר דַארְפְט מְכַבֵּד זַיין אַייעֶר שְׁוֶוער וַוייל אַזוֹי זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; פוּן צַייט צוּ צַייט, וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס זִיךְ צוּ טְרֶעפְן בַּיי אַ שִׂמְחָה וְכַדוֹמֶה זָאלְט אִיר גֵיין אוּן מִיט הַאלְטְן דִי שִׂמְחָה.

יֶעצְט וֶוערְט פַארְעֶנְטְפֶערְט אַלֶע קַשְׁיוֹת וָואס אִיר הָאט אוֹיף אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר, פַארְוָואס עֶר צִיטֶערְט אַזוֹי שְׁטַארְק פוּן זַיין אֵייגֶענֶעם שָׁאטְן; אַז מֶען הָאט אַזַא מְשׁוּגֶענֶעם טַאטֶע'ן וָואס פִירְט זִיךְ צוּ דִי קִינְדֶער מִיט טֶערָאר, פוּן דֶעם פַארְלִירְט מֶען דָאס זִיכֶערְקֵייט.

אִיר זָאלְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַייעֶר מַאן; אִיר זָאלְט אִים שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן. גֶעבְּט אִים גוּטֶע וֶוערְטֶער; זָאל עֶר הֶערְן כָאטְשׁ אַ צֶענְטְל גוּטֶע וֶוערְטֶער פוּן וִויפִיל עֶר הָאט גֶעהֶערְט נִישְׁט גוּטֶע וֶוערְטֶער; גֶעדֶענְקְטְס, אַ פְרוֹי הָאט כּוֹחוֹת וָואס קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט הָאט נִישְׁט, אַ פְרוֹי אִיז בְּכֹחַ אוֹיפְצוּהֵייבְּן אִיר מַאן אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּ דִי שֶׁענְסְטֶע זַאכְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד שֶׁהָיָה נָשׂוּי לַחֲסִידָה אַחַת", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, "וְלֹא הֶעֱמִידוּ בָּנִים זֶה מִזֶּה, אָמְרוּ: אֵין אָנוּ מוֹעִילִים לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלוּם, עָמְדוּ וְגֵרְשׁוּ זֶה אֶת זֶה", עֶס אִיז אַרִיבֶּער לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט

גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער און זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶע'גֶט. "הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע", דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען און הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְּרוֹי און זִי הָאט גֶעמַאכְט אַז אִיר מַאן דֶער צַדִּיק זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אַ רָשָׁע, "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק", און דִי עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ רָשָׁע און זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, "הֱוֵי שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען פון דֶעם אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי פְּרוֹי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַייט וַוייטֶער מְחַזֵּק אִידִישֶׁע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייטְס וַוייטֶער מְחַזֵּק ... תִּחְיֶ'; זִי אִיז אַ ווַאוֹילֶע מֵיידְל, זִי דַארְף אַ גוּטֶע פְרֵיינְט זָאל אִיר הֶעלְפְן זַיין גוּט.

גֶעדֶענְקְטְס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (וַיֵּרָא, קד.): "בְּשַׁעֲתָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא רָחִים לֵיהּ לְבַר נָשׁ", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ מֶענְטְשׁ, "מְשַׁדֵּר לֵיהּ דוֹרוֹנָא", שִׁיקְט עֶר אִים אַ מַתָּנָה, "וּמַאן אִיהוּ" און וָואס פַאר אַ מַתָּנָה שִׁיקְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? "מִסְכֵּנָא" - אַן אָרֶעמַאן, "בְּגִין דְּיִזְכֵּי בֵּיהּ", אַז עֶר זָאל טוּן מִיט אִים צְדָקָה, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן; עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא אָרֶעמַאן ווִי אַ בָּחוּר אָדֶער אַ מֵיידְל וָואס הָאט נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים מא.): "אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת", וֶוער אִיז אַן אָרֶעמַאן? דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל.

אַז אַ מֵיידְל קוּמְט קְלַאפְּן אוֹיף אַייעֶר טִיר, אָדֶער אַ מֵיידְל רוּפְט אַייךְ אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן אַז זִי ווִיל חִיזּוּק - דַארְף דָאס זַיין פַאר אַייךְ אַ שִׂמְחָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעשִׁיקְט אַ מֶעסֶעדְזְשׁ פוּן הִימְל אַז עֶר הָאט אַייךְ לִיבּ, עֶר הָאט אַייךְ גֶעבְּרֶענְגְט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם מֶענְטְשׁ וֶועם צוּ מְחַזֵּק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

Keren Hadfusa of Breslev
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205-1509
P: 718-387-2691
Email: Mail@kerenhadfusa.org